בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת נח

## הדבק במדותיו

### וועלטליכע פארניכטיגונג

**אין** פרשת נח ליינען מיר איבער די מבול, די גרויסע פארפלייצונג וואס השי"ת האט געברענגט אויף דער ערד. יעדער ווייסט, און אפי' יעדע קליין קינד ווייסט, אז זינד און אוממאראלישע אויפפירונג איז ווילד ארומגעלאפן אין די גאנצע וועלט, ווי עס שטייט אין די תורה "כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ" - "יעדע באשעפעניש האט אוועקגעקערט זיין וועג", און דערפאר האט השי"ת באשלאסן "ומחיתי את כל היקום" - "איך וועל אפמעקן די גאנצע עקזיסטענץ". און מיט די גרויסע פארפלייצונג האט השי"ת אפגעמעקט אלע לעבנס פון די וועלט, די גאנצע מענטשהייט, אויסער נח און זיין פאמיליע, זענען געווארן פארניכטעט, און אזוי האט זיך אנגעהויבן א פרישע אנהייב פאר די מענטשהייט.

און דערפאר, אויב עס פעלט אויס, אויב די אויפפירונג פון די מענטשהייט פארלאנגט דאס, איז נישט דא קיין סיבה פארוואס השי"ת זאל נישט ברענגען נאכאמאל די זעלבע פארניכטיגונג פאר די וועלט. מיר זעהן אז אויב די מענטשהייט קערט אפ זייער וועג אויף דער ערד, זאגט השי"ת "איך דארף ענק נישט דא, איך קען אייביג אנהייבן פון פריש".

און די אמת איז, אז עס איז נאך קיינמאל אין די היסטאריע פון די וועלט, נישט געווען אזא זינדיגע צייט אזוי ווי היינט. עס פלעגט אמאל זיין, ווען איך בין געווען א יונג קינד, זענען די גאסן פון אמעריקא געווען כשר, די גוי'אישע גאס, יא! עס איז נישט געווען הייליג, אבער עס איז געווען כשר, מען האט געקענט גיין אויף די גאסן. אמאל פלעגט מען איינזעצן אין תפיסה אלע זינדיגע מענטשן, און א באגאבונד -איינער וואס ארבעט נישט און דרייט זיך ליידיג אויף די גאסן- פלעגט ווערן ארעסטירט. אויב איינער האט זיך געדרייט ליידיג אויף די גאסן, האט די פאליציי מאן געשריגן אויף אים, "וואס טוסטו דא?!", און אויב ער האט פוילערהייט געשטיפט די צייט, איז ער געווארן ארעסטירט. היינטיגע צייטן, וואלט מען ארעסטירט דעם פאליציימאן פארן שרייען אויפן ליידיגגייער.

### איז א צונאמי אויפן וועג?!

**די** וועלט איז היינט אנגעפילט מיט שרעקליכע מיינונגען און אויפפירונגען, די גאסן זענען פול מיט שמוץ, מען זעהט זינדיגע מענטשן איבעראל. און דאס איז נישט בלויז אין אמעריקע, ארץ ישראל איז גארנישט בעסער, יעדע גוטע זאך ווערט צובראכן, און דער בליק אויף יעדער

זאך איז אז עס איז חלילה גארנישט שלעכט מיט דעם וואס דער אויבערשטער רופט אן "זינדיג, און פארמיאוסט".

און מיר דארפן זיין זייער דערשראקן, וועט השי"ת ווייטער זיין שטיל וועגן די זינדיגע אויפפירונג פון אמעריקא? וועט השי"ת ווייטער זיין שטיל איבער ארץ ישראל? די גאנצע וועלט ווערט אזוי זינדיג, אז מיר ווייסן נישט וואס צו ערווארטן. מיר ווייסן נישט וואס עס קען געשעהן אינעם צוקונפט, השי"ת קען נישט בלייבן שטיל אויף אזא אויפפירונג.

ווען מיר קוקן זיך ארום און מיר זעהן די גרויסע ירידה פון די מענטשהייט, די פארמערונג פון די שרעקליכע פריצות און אוממאראלישע מעשים - זאכן וואס זענען אסאך ערגער ווי אין די טעג פון די מבול - דארפן מיר וויסן, אז עס איז קלאר אז דער אויבערשטער קען ברענגען די זעלבע מבול אויף אונז היינטיגע צייטן, חס ושלום, חס ושלום! מיר דארפן זיצן אין א שרעק איבער די קומענדיגע מבול, און מיר קענען בלויז זאגן אולי ירחם, אולי ירחם, זאל השי"ת רחמנות האבן און צוריקהאלטן די מבול וואס דארף קומען אויף די וועלט.

## צוריקגעהאלטן דורך א שבועה

**מיר** ווייסן אבער, אז נאך א מבול וועט נישט קומען, הקדוש ברוך הוא וועט קיינמאל נישט ברענגען נאך א מבול! ווייל ווען די מבול האט זיך ענדליך געענדיגט, האט השי"ת געשוואוירן אז עס וועט מער קיינמאל נישט פאסירן. "ואני הנני מקים את בריתי... ולא יהיה עוד מבול לשחת הארץ" - "און איך שטעל אויף מיין בונד, אז עס וועט קיינמאל נישט זיין נאך א פארפלייצונג צו פארניכטן די ערד".

ווען מיר קוקן אריין אין די פסוקים, צו זעהן פארוואס השי"ת האט געגעבן זיין צוזאג אז עס וועט נישט קומען נאך א מבול, אפילו ווען די וועלט וועט דאס פארדינען, זעהן מיר גאר א מאדנע זאך. ווען די מבול האט זיך ענדליך געענדיגט, און נח איז ארויסגעקומען פון די תיבה, האט ער גענומען בהמות און ער האט דאס מקריב געווען פאר השי"ת אלס קרבנות, "ויעל עולות במזבח", ער האט אויפגעבויעט א מזבח, גע'שחט'ן בהמות, און דאס פארברענט אויפן מזבח אלס קרבן עולות.

## די גוטע גערוך פון געבראטענע פלייש

**הערטס** גוט צו וואס עס איז געווען נאכדעם. מיר ווייסן אז א גוט שטיקל פלייש, ווען מען טוט דאס אפבראטן אויפן פייער, האט דאס גאר א געשמאקע גערוך. ווען נח האט ארויפגעברענגט די קרבנות, איז די געשמאקע גערוך ארויף אין הימל, זייער א גוטע און זיסע גערוך, "וירח השם את ריח הניחוח" - "השי"ת האט געשמעקט דעם געשמאקן גערוך", הקדוש ברוך הוא האט געשמעקט די זיסע גערוך פון נח'ס קרבנות! איז דאס נישט א מאדנע זאך צו זאגן? השי"ת האט הנאה געהאט פון די גערוך פון ברענעדיגע פלייש! און ווען השי"ת האט געשמעקט די געשמאקע גערוך, האט ער געזאגט "ולא אוסף לקלל עוד את האדמה בעבור האדם" - "איך וועל מער נישט פארשעלטן די ערד צוליב די מענטשן", איך וועל נישט ברענגען נאכאמאל אזא קאטאסטראפע אזיווי די

מבול.

מיר אלע ווייסן אז השי"ת האט צוגעזאגט נישט צו ברענגען נאכאמאל א מבול, אבער ווען מיר קוקן אריין אין די פסוקים, זעהן מיר פונקטליך פארוואס השי"ת האט דאס צוגעזאגט. השי"ת האט געשמעקט די זיסע גערוך פון נח'ס קרבנות, און תיכף דערנאך האט השי"ת געזאגט "מער ברענג איך נישט קיין מבול, מער וועל איך נישט פארשעלטן די מענטשהייט אויף אזא שרעקליכע וועג". אפילו ווען די וועלט פארדינט אזא שטראף, אזויווי היינטיגע צייטן, פארוואס וועט השי"ת נישט חרוב מאכן די וועלט, און אנהייבן פון פריש מיט ערליכע מענטשן? ווייל ער האט געשמעקט די גערוך פון נח'ס קרבנות, ער האט געשמעקט די געשמאקע גערוך פון געבראטענע פלייש, און ער האט געזאגט, "מער קומט נישט קיין פארפלייצונג".

## איז דען דער אויבערשטער בויגזאם?

**קען** דען דאס זיין אזוי?! אויב הקדוש ברוך הוא זעהט פאר ריכטיג צו ברענגען נאך א מבול, און ער האט דאס שוין זיכער געזעהן פאר ריכטיג, פארוואס זאל א גערוך פון קרבנות טוישן זיין מיינונג? איז דער השי"ת'ס מיינונג אזוי גרינג איבערצודרייען, מיט א זיסע גערוך פון פארברענטע פלייש? קען דאס דען טוישן די ווילן פון השי"ת? איז דען מעגליך אז בלויז צוליב די קרבנות פון נח, און "השי"ת האט געשמעקט די געשמאקע גערוך", זאל אים ברענגען צו א צוזאג, אז עס קומט מער קיינמאל נישט קיין מבול? דאס דארף א קלארע ערקלערונג.

אבער נאך פאר מיר קענען דאס ערקלערן, דארפן מיר פארשטיין וואס השי"ת זאגט אונז סיי וואס איבער אים, עס שטייט אין פסוק "כי גבהו שמים מארץ, כן גבהו מחשבותי ממחשבותיכם", די וועגן וויאזוי השי"ת טראכט איז זייער הויך, עס איז צו דערהויבן צו קענען פארשטיין, און ווען ער זאגט עפעס איבער זיך, עפעס וואס ער טראכט, איז דאס נישט אויף די זעלבע וועג וויאזוי מיר טראכטן, ווייל ער איז אסאך מער דערהויבן, ער איז העכער אלע מענטשליכע באגריפן, השי"ת שמעקט נישט, און ער האט נישט קיין שום פיזישע און מענטשליכע געפילן.

אויב אזוי, פארוואס זאגט אונז השי"ת געוויסע זאכן איבער זיך? נאך אלעמען, דאס איז דאך נישט אמת, השי"ת האט ליב?! ער האט חרטה?! ער ווערט אויפגערעגט?! נישט מעגליך! ער האט נישט קיין שום כעס, ער איז דאך כולו חכמה! אלעס וואס ער זאגט איבער זיך אין די תורה נביאים כתובים, איז נישט פונקט אזוי, ווייל מיר קענען זיך נישט אויסמאלן וואס דער אויבערשטער טוט.

## השי"ת איז אונזער מאדעל

**דערפאר** דארפן מיר זעהן וואס דער הייליגער **רמב"ם** לערנט אונז אויס. די כלל גדול בתורה איז, אז אלעס וואס די תורה זאגט אונז איבער השי"ת, איז בלויז דערפאר אז מיר זאלן זיך אויסלערנען זיך אזוי אויפצופירן, דערפאר זאגט אונז די תורה וואס השי"ת טראכט. אלעס וואס השי"ת טוט אונז אנטפלעקן איבער זיך, איז דאס בלויז פאר אונז, אז מיר זאלן וויסן וואס מיר זאלן טוהן, ווייל השי"ת איז אונזער מאדעל, וואס טוט אונז ווייזן וואס מיר זאלן טוהן.

השי״ת איז א ״שונא גזל״, ער האט פיינט גניבה, דאס מיינט אז השי״ת ערווארט דאס פון אונז. השי״ת האט פיינט אוממאראלישקייט, דערפאר דארפן מיר דאס אויך פיינט האבן. דאס איז וואס מיר דארפן פראבירן צו טוהן, און דאס איז וויאזוי מיר מוזן זיך צוגעוואוינען צו טראכטן. השי״ת לערנט אונז אין די תורה זאכן איבער אים, בלויז אונז צו לערנען וואס צו טוהן.

די פסוק ״וירח השם את ריח הניחוח״, לערנט אונז זייער א וויכטיגע זאך, וואס מיר דארפן נאכטוהן השי״ת׳ס וועגן מיט דעם. נח קומט ארויס פון די תיבה און ער זעהט די גרויסע קאטאסטראפע וואס איז געשעהן, די גאנצע מענטשהייט איז אפגעווישט געווארן, נח איז געווארן אנגעפילט מיט א ציטער, א האפענונג אז עס זאל נישט פאסירן נאכאמאל. ער איז אדורך א שווערע איבערלעבעניש, פון אלעס וואס ער האט געזעהן, און דערפאר האט ער געהאפט צו ווערן פארזיכערט אז השי״ת וועט דאס נישט טוהן נאכאמאל, ער האט נישט געוואלט זעהן זיין אייגענע אייניקלעך, זיינע אייגענע דורות, ווי זיי ווערן פארניכטעט, און דערפאר האט ער געברענגט קרבנות, און ער האט געטראכט ביי זיך ״איך בעט דיר, השי״ת, שטעל נישט אריין די וועלט נאכאמאל אין אזא חורבן״, ער האט פראבירט צו איבעררעדן דער הייליגער באשעפער.

דאס איז זייער א ארעמע וועג פון רעדן צו השי״ת, פון פראבירן צו איבעררעדן השי״ת, מען ברענגט אים אביסל שפעלעך - וואס גראדע זענען זיי זיינע אייגענע שעפעלעך - און מען איז דאס מקריב אלס קרבנות, מען פארברענט דאס אויפן מזבח, מיטן ציהל צו טוישן די מיינונג און ווילן פון השי״ת. מיט דעם קען מען איבערצייגן השי״ת צו ערפילן מיין ווילן?! וואס איז דען א געבראטענע שעפעלע פאר השי״ת? דאס מיינט דאך גארנישט פאר אים.

## השי״ת איז נישט שטאלץ

**אבער** הקדוש ברוך הוא איז נישט אזוי שטאלץ, ער האלט זיך נישט גרויס. ער זעהט א ארימע קליין מענטשעלע אינטן אויף דער וועלט, וואס פראבירט און לייגט אריין כוחות צו ווייזן זיין געטריישאפט, זיין געבינדנקייט צו אים, דאן זאגט השי״ת, ״איך שמעק די געשמאקע גערוך פון דיין קרבן, און איך וועל איבערגענומען דערפון״, הקדוש ברוך הוא זאגט צו נח, ״דאס איז גענוג פאר מיר! איך וויל זיין א מאדעל פאר די מענטשהייט, וואס זיי זאלן מיר נאכמאכן. מיין טייערע נח, האסט מיר געברענגט א קרבן כדי צו באקומען פון מיר א טובה, א צוזאג אז עס וועט מער נישט זיין קיין מבול, יא, איך געב דיר מיין צוזאג, איך געב דיר מיין ווארט, אז עס וועט מער קיינמאל נישט זיין קיין מבול, בלויז צוליב דיין קרבן וואס דו האסט מקריב געווען פאר מיר״.

דאס לערנט אונז די תורה דא, אז אפילו די קלענסטע זאך, די מערסט אומוויכטיגע זאכן קלייניגקייטן, זאל מיר פראבירן צו נוצן צו איבערבעטן. די ערוועקונג וואס קומט פון א גערוך פון א שטיקל געבראטן פלייש האט נישט קיין שום ווערד, אבער אויב מען נוצט דאס צו איבערבעטן און זיך דערנענטערן, דאן גייען מיר אין די טריט פונעם באשעפער.

**מיט** דעם וועלן מיר פארשטיין וואס די גמרא (עירובין סה.) לערנט אונז, "כל המתפתה ביינו, יש בו מדעת קונו", - "ווער עס לאזט זיך איבעררעדן דורך וויין, דאס מיינט, אז מען לאזט זיך די וויין באאיינפלוסן די מיינונגען און ווילן פונעם מענטש, דאן גייט ער אין די וועגן פון השי"ת". און די גמרא זאגט ווייטער, פון וואו ווייסן מיר דאס? פון וואו לערנען די חכמים ארויס, אז צו זיין אזוי נאריש, אזוי בויגזאם, צו ווערן איבערגערעדט דורך אביסל וויין, איז א כאראקטער וואס איז ווערט צו ווערן געלויבט? פונעם פסוק "וירח ה' את ריח הניחוח", דער אויבערשטער האט געשמעקט די גערוך פון די קרבן, און ער איז געווארן איבערגעבעטן. עס קומט אויס, אז דאס וואס מיר מיינען אז עס איז נאריש, איז אבער די וועגן פון השי"ת, און ער וויל אז מיר זאלן אויך אזוי זיין.

## אינטער די איינפלוס פון וויין

שטעלט אייך פאר, איר קומט אריין צו א קידוש, און אלע פלעצער זענען שוין פארנומען, בלויז איין בענקל איז נאך ליידיג, און איר זעצט אייך אהין. יעצט באמערקט איר אז דער וואס זיצט גלייך דערנעבן איז אייער שכן וואס איר האט אים נישט ליב, איר האט מיט אים אסאך פראבלעמען און געפעכטן. אבער וואס קענט איר טוהן? עס איז נישט דא קיין אנדערע פלעצער צו זיצן.

יעצט זעהט אייער שכן אז איר האט נישט קיין וויין, איר דארפט דאך מאכן קידוש, און דער שכן וואס זיצט נענטער צו די וויין שטרעקט דאס אויס פאר אייך, און ער פילט אייך אן דעם גלעזל, איר מאכט קידוש און איר טרינקט אויס די וויין, און דאן נעמט איר נאך א גלעזל וויין, און די אלקאהאל הייבט אייך אן צו צומישן, איר הייבט אן צו פארגעסן פון די אלע פראבלעמען מיטן שכן, און איר טראכט בלויז פון די וויין וואס ער האט אייך דערלאנגט. און אזוי טרעפט איר זיך פלוצלונג אז איר זענט געווארן איבערגעבעטן מיט אים, איר ווערט פריינטליך צו אים, איר זאגט אים א ווארימע "לחיים!", און פארשטייט זיך אז ער ענטפערט צוריק מיט א "לחיים!" - פערציג יאר וואס איר וואוינט אינאיינעם, און דאס איז די ערשטע פריינטליכע ווארט צווישן אייך.

## די וועגן פון השם יתברך

**וואס** איז דא געשעהן? די וויין איז אריין אין קאפ, און איר האט אנגעהויבן צו טראכטן, "פארוואס בין איך דען אזוי אויפגערעגט?! וואס האט ער שוין געטוהן?!". דאס איז א נארישע זאך, וועט איר זאגן, די גאנצע צייט וואס די קאפ קלאר איז מען געווען צוקריגט, איר האט געטראכט און באשלאסן צו זיין אויפגערעגט, און יעצט, אינטער די איינפלוס פון די אלקאהאל האט איר באשלאסן אים צו פארגעבן און צו ווערן זיין פריינד? דאס איז זייער נאריש!

אבער די אמת איז אז דאס איז בכלל נישט נאריש, נאר דאס איז די וועג פון השי"ת! הקדוש ברוך הוא האט זיך געלאזט ווערן איבערגערעדט פון די געבראטענע פלייש, בלויז צו לערנען פאר אונז, אז אויב מיר קענען טרעפן סיי וואס, אפילו די קלענסטע זאך, די נארישסטע זאך - וויין איז זייער נאריש, און די גערוך פון געבראטענע פלייש איז זייער נאריש - און זיך לאזן איבערבעטן מיט דעם, פארגעבן פאר א צווייטן איד און ווערן צוריק נאנט און פריינטליך צו אים, דאן גייען מיר אין די וועגן פון השי"ת!

התודה והברכה
להנדיב הנכבד
**הרוצה בעילום שמו**

על שנדב מהדורת

# אחת שאלתי

אשר בזכותו זכינו לתרגם

## תורת אביגדור

באידיש

ישלם ה' פעלו ויהי משכורתו מן השמים
להשפיע עליו ועל ביתו מכל טוב וטוב מרוב
נחת דקדושה עד בלי די

# הדפסה והפצה

מעלדונג

צו מנדב זיין הפצת הגליון א וואך

לע"נ, לרגל השמחה, לזכות וכדו'

אדער פשוט ווייל איר האט הנאה אז עס ווערט פארשפרייט

און איר ווילט עס זאל אנהאלטען

רופט 718-757-1681

# וואס צו זאגן פאר'ן מלאך ביים טויער פון גן עדן

## שאלה:

**וואס קענען מיר טוהן צו ברענגען אידן נענטער צו אידישקייט? און, צו זענען מיר פאראנטווארטליך דערויף?**

## תשובה:

**דאס** איז די גרעסטע זארג, אונזער גרעסטע זארג איז, וואס וועלן מיר ענטפערן פאר הקדוש ברוך הוא ווען ער וועט פרעגן "**וואס האסטו געטוהן פאר אנדערע אידן**?", דאס איז זייער א גרויסע זארג.

**אבער** אויב מען שטיצט די ישיבות, דאן זאלסטו וויסן אז דו טוסט שוין עפעס, דאס איז שוין א גוטע ענטפער, די ישיבות טוען די ארבעט פאר דיר, נישט בלויז פאר דיינע אייגענע קינדער, נאר די ישיבות טוען ערציען די קינדער פון כלל ישראל. יעצט לאמיר זאגן אז מען קומט צו דיר און מען בעט דיר צו שטיצן א ישיבה, זאלסטו וויסן אז מיט דעם האסטו א געלעגנהייט צו ענפטערן פאר די מלאך ביים ארייננגאנג פון גן עדן, דו וועסט אים זאגן "איך האב געשטיצט די וואס האבן פארשפרייט די ווערטער פון די תורה צווישן די אידישע פאלק", אויב עס וואלטן נישט געווען קיין ישיבות, קענען מיר זיך דען פארשטעלן וואס עס וואלט געווען?!

**העלפן** די מוסדות התורה איז זייער וויכטיג, אלע מוסדות וואס ציען אויף אונזערע קינדער בדרך התורה, דאס איז אונזער ענטפער. טאטעס און מאמעס לייגען אריין זייער שווערע כוחות צו ערציען זייערע קינדער בדרך התורה, דאס איז נישט גרינג, און עס קאסט אסאך געלט.

**העלף** ארויס די מוסדות התורה די מערסטע וואס עס איז מעגליך, ווייל זיי טוען די ארבעט וואס יעדער וואלט געדארפט טוהן. קענסט ארויסגיין אויף די גאס און אויסטיילן צעטלעך פאר יעדן, איבער השם יתברך און זיין תורה, און איבערן טוהן תשובה, אבער די ווילסט נישט, ביסט דערשראקן און פארשעמט דאס צו טוהן, אבער די ישיבות טוהן דאס, דערפאר דארף מען זייער אסאך שטיצן די ישיבות.

**שאלות און תשובות**
**מיט**
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"